# הכשרות

אינפארמאציע, ידיעות און הוראות
בכל עניני כשרות המאכלים

ארויסגעגעבן דורך "מחלקת הכשרות
שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא"

בס"ד



## דבר המערכת

## חלת הוי חבקה.

**ברוב** שבח והודאה להשי"ת פרעזענטירן מיר דעם דריטן גליון "הכשרות" פאר אידן שוחרי כשרות, דער גליון וואס האט זיך ב"ה שוין בארימט געמאכט צווישן דעםברייטן ציבור מיט איר אינהאלט און ידיעות, ראו ישרים ויהללוה, זייענדיג א קראנטע מקור פאר אינפארמאציע אויף יעדן געביט וואס איז עומד על הפרק בעניני כשרות.

פון דעם געוואלדיגן אפקלאנג, פארלאנג און צמאון וואס הערשט מיט יעדן גליון וועלכע ערשיינט לאור עולם, שטעלט זיך ארויס אז אידן פארלאנגען צו הערן מער אפט און דארשטן צו וויסן איבער כשרות וואס איז ווי א מים שאין להם סוף.

מערכת "הכשרות" וועט ווייטער פרובירן ארבעטן ווירקליך צופרידנשטעלן אידן הצמאים לדבר ה' מיט קראנטע אקטועלע אינפארמאציע אלעס ארום כשרות, דערפאר לייגט מען אריין א גרונטליכע ארבעט, אהערצושטעלן אן אינפארמאטיווע פלאטפארמע פון הוראות וידיעות נחוצות הנוגעים למעשה מדי יום ביומו. אלעס לויט די הוראות והדרכות פון הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, חברי **"בי"ד המיוחד לעניני כשרות" שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא**, וועלכע פארפיגן בכל עת תמיד אויף אלע געביטן פונעם ריזן כשרות אפאראט.

זאל טאקע אנגעמערקט ווערן אז אידן שוחרי כשרות מיט סיי וועלכע קאמענטארן, אדער אנפראגעס קענען אריינשיקן זייערע באמערקונגען צו די ספעציעלע נומערן, אנגעגעבן אויף דף ו' די טעמעס וועלן בעז"ה אדרעסירט ווערן אין די קומענדיגע "הכשרות" אויסגאבעס, 'ואני אתנהלה לעט"י לרגל המלאכה אשר לפני, ובשם ה' נעשה ונצליח.

**(פארזעצונג אויף זייט 2)**

## דבר המערכת

**(פארזעצונג פון זייט 1)**

***

**"עת הזומע"ר הגיע".** דער יעצטיגער דריטער גליון ערשיינט בלויז געציילטע טעג, איידער אידן וועלן אנהויבן לערנען די סוגיא פון "אלה מסעי", ווען מען פארט בעז"ה ארויס אויף די בערג, שעפן פרישע לופט און געניסן פון א רואיגע זומער אטמאספערע אין די קאלאניעס און אפרווה ערטער, כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך.

אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה', איז באקאנט דאס ווארט פון צדיקים זי"ע, ווען מען איז א "הולך בתורת ה'" אינדערהיים איז אודאי זייער חשוב, אבער דער עיקר מבחן איז ווען מען איז פון די "תמימי דרך". אונטערוועגנס פאסירט אפט א געוויסע התרשלות, איבערהויפט אין די ענינים פון כשרות, אידן מדקדקים בכשרות וואס וואלטן א גאנץ יאר נישט צוגערירט צו פארשידענע צווייפלהאפטיגע השגחות און פראדוקטן, ווערן אפט נאכגעלאזט אין דעם הינזיכט, און ערלויבן זיך מער ווי מען מעג און מער ווי זייער אייגענע סטאנדארט.

ס'איז דעריבער אצינד א געוואלדיגע דבר בעתו צו געדענקען און האלטן פאר די אויגן אין לויף פון די זומער חדשים, די תפלה וואס מען בעט ביי תפלת הדרך "שֶׁתּוֹלִיכֵנוּ לְשָׁלוֹם וְתַצִּילֵנוּ מִכַּף כָּל אוֹיֵב וְאוֹרֵב בַּדֶּרֶךְ", ווי איז נאך פארהאן גרעסערע אויבים ורודפים, ווי מאכלות אסורות וועלכע זענען חלילה מטמטם לבן של ישראל.

פאלגענד זענען בלויז אייניגעביישפילן אויף עניני כשרות וואס ברויך א ספעציעלע זהירות, זייענדיג אויף די וועגן און ווילענדיג אויף אפרווה אין די יעצטיגע זומער חדשים. ישמע חכם ויוסיף לקח.

**קאווע:** די געווענליכע קאמערציעלע קאווע מאשינען אין די גאז סטאנציעס וכדומה האבן א חשש פון חלב עכו"ם און דארף האבן א פארלעסליכע השגחה.

דאס אייניגע איז וויכטיג צו געדענקען אז מען טאר נישט נעמען מילך פון א גוי, אפילו אויב דער באטל איז חלב ישראל מיט א גוטע השגחה, נאר אויב עס איז א צוגעמאכטע באטל. אויב איז נאר פארהאן מילך אין אן אפענע באטל, טאר מען דערפון נישט טרינקן. אזוי אויך ביי א איד וואס איז רח"ל נישט קיין שומר תורה ומצות, איז דער זעלבע דין.

(די חשש פון ווערים וואס געפונען זיך אין די וואסערן פון ניו יארק סיטי איז נישט דא ביי די מאשינען, ווייל זיי ווערן דורכגעזייט.)

**מייקראוועיוו:** ווען מען ווילט אין האטעלן, וואס ווערט באנוצט דורך גוים, און מען וויל אנווארימען עסן אינעם מייקראוועיוו פונעם האטעל וואס איז טריפה, זאל מען זיכער מאכן אז עס איז ארומגענומען צוויי מאל (double wrapped), אזוי עס אנווארימען.

גלייכצייטיג דארף מען אכט געבן אז דער פלעסטיק זאל זיך נישט אויפרייסן אינמיטן אנווארימען. דעריבער איז ראטזאם אז מען זאל עס נישט אנווארימען אויף א גאר הויכע היץ פאר א לענגערע צייט, נאר עס צעטיילן אין צוויי, עס זאל זיך נישט צערייסן פון די היץ.

**נאטורליכע געטראנקן:** די פארשידענע ערליי נאטורליכע געטראנקן וועלכע זענען דא צו באקומען אין די גאז סטאנציעס אנטהאלטן אפט שווערע חששות פון איסורים חמורים, אויך ווען עס האט א סימבאל פון די נאציאנאלע השגחות. (זעהט מער דערוועגן אין דעם ארטיקל "על טעם וריח" דף ג)

**פלייש:** ווען מען פארט אויף שבתים וכדומה אין האטעלן, וואו עס ווערן געקעיטערט און צוגעשטעלט די סעודות און מאלצייטן. זאל מען זיכער מאכן אז די פליישיגע מאכלים וואס ווערן סערווירט קומען פון אן אויסגעהאלטענעם בית השחיטה מיט א גוטע היימישע השגחה לויט אונזער מסורה און זהירות, דאס זעלבע אז די קאך ווערט געפירט אונטער די אויפזיכט פון א פארלעסליכן רב המכשיר.

***

אין אלגעמיין ווערט צווישן די בלעטער פון דעם איצטיגן גליון ערוועגט מערערע וויכטיגע כשרות פונקטן וואס איז נוגע 'בפרט יעצט אין די זומער חדשים' איבערהויפט אויף די וועגן, פארנדיג און ווילענדיג אויף די בערג. אינפארמאציע וואס וועט געוויס זיין א תועלת מרובה צו ברענגען אן אויפוואכונג אין די וויכטיגע ענינים.

דער גרויסער זכות פון זהירות בכשרות וועט געוויס באגלייטן אידישע קינדער אומעטום, מען זאל האבן א געזונטן פארזיכערטן זומער מיט הרחבת הדעת והנפש, ושמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום.




# כשרות אינפארמאציע ליין

פאר אלע אייערע כשרות אנפראגעס רופט אריין
צו די כשרות אינפארמאציע ליין אויף
718-384-6765 Ext. 3

**אין די שעות פון 2:30 ביז 5:00 נאכמיטאג**
אין אנדערע זמנים אדער אז מען קומט נישט דורך
לאזט איבער א קלארע מעסעדש און מיר וועלן אייך צוריקרופן

# על טעם וריח; 'נאטורליכע' פלעיווארס און קאלירן




**נאטורליך.** א טערמין אויף פראדוקטן וואס ווערט היינט באנוצט מער ווי סיי ווען. פארשידענע ערליי עסנווארג און טרינקען ווערן פארקויפט אין די געשעפטן מיט דעם גלאנצעדיגן "קאודווארט" וואס גיט דעם אומשולדיגן איינדרוק פון ארגינעל און כשר; דער תמימות'דיגער קונה ווערט שנעל איבערצייגט און ארייגעשלעפט און א געפיל פון נאטורליכקייט און ארגינעלקייט וועלכע ציעט אן דעם אפעטיט און אינטערעסע.

די סארט פראדוקטן זענען געווענליך פארשלייערט מיט שרייענדע לאזונגען, די געניטע סטראטעגיע פון מארקעטינג מומחים וואס פארשטייען גענוי וויאזוי די פארפאקונג פונעם פראדוקט ווירקט אויפן מח פונעם מענטש. די לעיבעלס אויף די עסנווארג און געטראנקען שטעלן זיך פאר: "טריפעל פילטערט", "געוואלדיגע מקור source פון געזונטע וויטאמין סי.", "צוויי דאזעס א טעג הרג'עט באקטעריע", "גוט פאר אייער מאגען און פארדייאונג סיסטעם", "זערא טאקסין'ס", "עלעקטראלייט", און די ליסטע איז אנגייענד. געבנדיג דעם גוטן געפיל ביים טועם זיין פון דעם "נאטורליכן" פראדוקט ווי עס רעדוצירט היילט וואונדערליך ווייטאגן און פיין.

לגבי כשרות, וואס קען שוין זיין דער חשש? אביסעל "נאטורליכע" קאלירן און נאטירליכע פלעיווארס? איז דען פארהאן א כשרות זארג אויף אזעלכע נאטורליכע סובסטאנצן?

פארהאן פילע, אויך אידן מדקדקים בקלה כבחמורה, וואס האבן אט די שוואכקייט ווען עס קומט צו קויפן לייכטע געטראנקען אד"ג. אצינד איידער דעם קאנטרי סעזאן, איז איבערהויפט שכיח אז אונטערוועגנס קויפט מען מכל הבא ליד, ווילאנג עס פארמאגט סיי וועלכע כשרות סימבאל און דאס פלעשל ווערט גערופען מיט א נאטירליכן נאמען. שלא ביודעין שפירט מען זיך באקוועם זייענדיג נוחל שני עולמות, אז די עסנווארג אדער געטראנק איז "נאטורליך" דאן איז דאך עס געוויס אויטאמאטיש אויך כשר למהדרין. עס פעלט איינפאך די נויטיגע אינפארמאציע איבער די האקעלע אומבאקאנטע טעמע פון "נאטורליכע פלעיווארס".

## וואס זאגט די FDA?

דעריבער איז בייגעלייגט א קאפי פון די אפיציעלע אנווייזונגען וואס די נאציאנאלע FDA עסן אגענטור טוט פארעפענטליכן, וואו עס ווערט פארצייכנט וואס מען דארף אלץ ערקלערן אויף די "פעקעדזשינג" פון עסן ווען מען נוצט נאטירליכע פלעיווארס און נאטירליכע קאלירען. אט איז וואס די FDA כאראקטעזירט אלץ נאטורליך:

U.S. Food and Drug Administration
Protecting and Promoting Your Health

TITLE 21--FOOD AND DRUGS

(3) The term natural flavor or natural flavoring means the essential oil, oleoresin, essence or extractive, protein hydrolysate, distillate, or any product of roasting, heating or enzymolysis, which contains the flavoring constituents derived from a spice, fruit or fruit juice, vegetable or vegetable juice, edible yeast, herb, bark, bud, root, leaf or similar plant material, meat, seafood, poultry, eggs, dairy products, or fermentation products thereof, whose significant function in food is flavoring rather than nutritional.

## אין א לייכטע איבערזעצונג:

די טערמין "נאטירליכע פלעיוואר" אדער "נאטורליכע פלעיווארינגס" באדייט דאס פאלגענדע, עססענצע אויל, אויסגעפרעסט, אולירעסאן .... (דא ווערט אויסגערעכנט פארשידענע אופנים וויאזוי מען קען און מען פראדוצירט נאטורליכע פלעיוואר באשטאנדטיילען) פון די פאלגענדע מקורות:

ספייסעס, פרוכט, פרוכט זאפט, גרינצייג אדער גרינצייג זאפט, עסן הייוען, הערבס, בארק, באד, וואָרצעל, בלעטל אדער ענליכע מאטריאלן גענומען פון געוויקסן, בהמה פלייש, שרצים פון ים, טשיקען, אייער, מילכיגע פראדוקטען, אדער פערמענטענד פראדוקטען - די אלע אויבן דערמאנטע באשטאנדטיילען וואס קומען פון פון די אויבן דערמאנטע מקורות ווערט אנגערופען נאטורליך.

דאס הייסט אז לויט די אפיציעלע פארשריפטן פון די אמעריקאנער עסן און דראג אגענטור טוט דער טערמין "נאטורליכע פלעיווארס" זייער אפט אנטהאלטן: בשר נבילה וטריפה, שרצים טמאים פון ים, אייער פון עופות טמאים, און מילכיגע חלב עכו"ם גבינת עכו"ם און טריפה. 'נאטורליך' זאגט גארנישט אויף כשרות. עס באדייט נישט בלויז גראז, פרוכט און גרינצייג, נאר קען געווי' דאס זעלבע אנדייטן אויף חזיר, בהמות טמאות, נבלות וטריפות, פיש און שקצים ורמשים, רח"ל.

דאס איז קריטישע אינפארמאציע וואס מען דארף געדענקן ווען מען קלערט פון קויפן די אלערליי נאטורליכע פראדוקטן מיט'ן חשבון אז עס איז בלויז נאטורליך. זייער אסאך מאל איז די רעדע פון איסורים חמורים וואס מען טאר נישט נעמען פאר לייכט חלילה. און געוויס אויף די מאשינעריי ווערט געמאכט, אויב עס ווערט געמאכט, מיט גאר שוואכע היתרים און שוואכע סטאנדארטן. וואס איז געוויס נישט געאייגנט פאר אידן מדקדקים בכשרות וואס ווילן דייקא א לכתחלה'דיגע כשרות, און האלטן זיך שטארק מיט זייערע גדרים אינדערהיים און אונטערוועגס צוגלייך.

דארף מען פארזיכערן אז דאס געטראנק האט א פארלעסליכע השגחה אויף וואס מען קען געטרויען און זיך פארלאזן דערויף לכתחילה אויף הונדערט פראצענט.

## חששות פון "פעסטורייזד" געטראנקן:

אויסער אט די איסורים חמורים איז וויכטיג צו באהויפטן אז אויך אויב עס האנדלט זיך פון ווירקליך כשר'ע אינגרידיענס און פלעוואָרדס, ווערן אסאך פון די סארט געטראנקען פעסטורייזד אויף גאר הייסע טעמפעראטורן אין די מאשינען פון די עסן פאבריקן. בעת וואס אין די זעלבע מאשינען אין די זעלביגע פאבריקן ווערן אויך פראדוצירט נישט כשר'ע געטראנקן, ווי צ.ב.ש. גרעיפ דזשוס, גרעיפ דרינקס און פארשידענע פרוכט דרינקס וואס אנטהאלטען נישט כשר'ע פלעיווארס און קאלירן.

די נאציאנאלע השגחות באנוצן זיך אלע מיט די פירמע'ס, און די הכשרה

## נישט נאכלאזן מסורת אבותינו אונטערוועגנס:

אין איינקלאנג מיט די וויכטיגע טעמע האט אנומלט א איד אריינגערופן צום מערכת "הכשרות" מיטצוטיילן אן עפיזאד וואס ער זעלבסט האט בייגעוואוינט אלס עד ראי'. פארנדיג אלץ פאסאנדזשיר מיט א היימישער טעקסי דרייווער צום עירפארט, האט דער דרייווער זיך מורה היתר געווען זייענדיג אוטערוועגנס און געקויפט א נאטוליכע פרוכט געטראנק פון א גרויסע און באוואוסטע פירמע, וואס געווענליך פארמאגן זייערע געטראנקן א געוויסע נאציאנאלע השגחה.

נאכ'ן טרינקען האט דער פאסאנדזשיר באטראכט דאס פלאש, און צו זייער שאק האט מען זיך דערזען אז די ספעציפישע פלעשל האט נישט קיין שום השגחה, און איז דערצו אויך מילכיג! דאס איז שוין נאכדעם וואס יענע כשרות ארגאניזאציע גיט געווענליך השגחות אויף "חלב עכו"ם" לכתחילה, מען קען זיך שוין מצייר ווי נישט אויסגעהאלטן די געטראנק איז געווען, אז אפילו פאר אזא סארט סטאנדארט הכשר איז שוין אויך נישט מעגליך געווען צו טרעפן א היתר אויף דעם טריפה'נעם פראדוקט, און לייגען דערויף זייער סימבאל. דער איד איזליידער שטארק נכשל געווארן ה"י.

אזא פאסירונג שטרייכט ווידעראמאל אונטער דאס נחיצות פון זיך נישט מורה היתר זיין, און נישט נאכלאזן אויך אונטערוועגנס פון דעם כשרות סטאנדארט, וואס מען האט מקבל געווען פון די עלטערן, און פון די קהילה וואו מען איז ערצויגען געווארען. אז מען וויל האבן די סייעתא דשמיא פון הבא לטהר מסייעין אותו, דאן איז וויכטיג צו שטיין פעלזן פעסט, און אויך איינווארצלען אין שטוב פאר די קינדער אז תורה אחת בבית ובחוץ. דער זכות פון זיך נישט אוועק רירען פון אונזער מסורה און זיך האלטן צו די ערליכע פרינציפן פון כשרות, טוט געוויס באגלייטן זוכה צו זיין, צו א שמירה עליונה און עזר ממעל שלא נבוש ולא נכשל בעזה"ה.



# מה נאוו על ההרים:

פאלגענד איז א ליסטע און די אדרעסן פון געשעפטן וועלכע
זענען עומד תחת השגחתינו המעולה אויף די קעטסקיל בערג
דורך די זומער חדשים, צום באנוץ פון די טויזנטער זומער
איינוואוינער וועלכע וועלן בעז"ה ווילן אויף די בערג.

- די וואס זענען אנגעצייכנט מיט א * זענען אפן אויך א גאנץ יאר -

## Woodridge:

### Shloime's Bakery
13 Green Ave
Woodridge, NY 12789
845-693-1286

## Liberty:

### Save Rite Bakery
1885 Route 52
Liberty, NY 12754
845-292-1055

### Liberty Kosher Pizza
1885 Route 52
Libery, NY 12754
845-292-7499

## White Lake:

### The Pizza Corner
At: Motty's Supermarket
3395 Route 55
White Lake, NY 12786
845-583-4080

## Bloomingburg:

### Cafe au Main*
Milchig Restaurant
72 Main Street
BLoomingburg, NY 12721
(845) 733-8508

## Fallsburg:

### Black & White Bakery
At: Skopps Supermarket
404 Laurel, Ave.
Fallsburg NY 12733
(845) 436-8731

## S. Fallsburg:

### Gombo's Bakery
518 Main Street (Rt. 42)
South Fallsburg, NY 12779
845-436-4107

### Flavors Ice Cream
store and truck
5206 Main Street (Rt. 42)
South Fallsburg, NY 12779
845-352-8670

## Monticello:

### Oneg Bakery
4 Waverly Ave.
Monticello, NY 12701
(845) 791-7048

### Rugelech Bakery*
4437 Route 42
Monticello, NY 12701
845-796-4796

### Monticello Pizza Plus
347 East Broadway
Monticello, NY 12701
845-794-4911

## Woodbourne:

### Gombo's Bakery
431 Route 52
Woodbourne, NY 12788
845- 436-4107

### Jerusalem 2 Pizza
433 Route 52
Woodbourne, NY 12788
845-434-7499

### Mr. Shnitzel
Fleishig Restaurant
431 Route 52
Woodbourne, NY 12788
845-434-0555



# שואלין ודורשין

שיקט אייערע אנפראגעס
איבער אלע כשרות
אנגעלעגנהייטן דורך
Fax: 718.486.5574
Tel: 718.412.8532
E-mail: Hakashrus@gmail.com

## ביר

**שאלה:**

**לעצטנס איז דא צו באקומען ביר "Beer" מיט פארשידענע ערליי קאלירן און פלעיווארס. דארפן די סארט ביר האבן א השגחה ?**



**תשובה:**

יא, טראץ דעם וואס עס איז אנגענומען אז געווענליכע ביר איז גוט אן קיין השגחה. איז אנדערש די ביר מיט פלעיווארס, וואו עס קומען אריין פילצאליגע באשטאנדטיילן און אינגרידיענטס, וועלכע פאדערן א השגחה מעולה.

אין אלגעמיין איז דער כלל אז יעדע געטראנק און עסנווארג וואס אנטהאלט פלעיווארס, נישט קיין אינטערשייד אויב די פלעיווארס זענען "natural" אדער "artificial", קען דאס אנטהאלטן ערנסטע כשרות חששות, און עס מוז האבן א פארלעסליכע השגחה.

## חלב סתם

**שאלה:**

**מען זעט צומאל ביי די נאציאנאלע כשרות ארגאניזאציעס, וועלכע נוצן דעם טערמין "חלב סתם", איז פאראן אן אונטערשייד צווישן "חלב סתם" און "חלב עכו"ם"?**

**תשובה:**

"חלב סתם" איז איינפאך די שענערע נאמען פאר "חלב עכו"ם", און ביידע האבן אייגנטליך די זעלבע באדייט, אז די מילך איז נישט געמאלקן געווארן אין די אוועזנהייט פון א איד. "חלב סתם" איז טריפה'נע מילך וואס מען טאר נישט טרינקן.



בדרך אגב, די זעלבע כשרות ארגאניזאציעס וועלכע זענען נישט מקפיד אויף חלב עכו"ם, באנוצן זיך אויך מיט מילך פון טריפה'נע קיען, וואס איז ביי די היימישע השגחות נישט אנגענומען, אבער ביי זיי איז דאס נישט אזוי הארב, זענען זיי דעריבער מקיל דערמיט. ביי אונזער השגחה נעמט מען די קיען אינגאנצן ארויס פון די מעלקינג סטעישאן.

## פיש אויל

**שאלה:**

**די cod liver oil און אנדערע פיש אויל, וועלכע ווערן אסאך באנוצט פאר געזונטהייט, דארפן האבן א השגחה ?**

**תשובה:**

די אלע סארט פיש אויל, דארפן האבן א השגחה, אז דאס קומט פון כשר'ע פיש, מיט די סימני כשרות. אפילו אויב די פירמע באשטעטיגט אז די אויל איז פון כשר'ע פיש, איז דאס נישט גענוג נאר א פארלעסליכע איד מוז זען אז דאס איז טאקע פון כשר'ע פיש, עס איז נישט גענוג זיך צו פארלאזן אויף דעם גוי.

אויך דארף דערמאנט ווערן אז עס איז פאראן ציווישן די cod פיש פאמיליע, טריפה מינים אויך, אבער אפילו אז די אויל ווערט געמאכט נאר פון כשר'ע פיש, פארט אבער דארף עפ"י הלכה א איד זען די סימני כשרות פון די פיש, (דאס איז חוץ די חששות וואס זענען דא ביי די כלים וכדו', אויף וואס די אויל ווערט פראדוצירט, ואכמ"ל) דעריבער טאר מען די cod liver oil נישט נוצן אן א הכשר.

פארשטענדליך אז די פיש, און פיש פראדוקטן וועלכע ווערן פארקויפט בהשגחת "הבי"ד המיוחד לעניני כשרות", ווערט יעדע פיש איבערגעקוקט דורך א משגיח תמידי.






פסקי הלכות אלו נקבצו מתוך שיעורים הקבועים של הרב הגאון הצדיק המפורסם רבי **הילל ווינבערגער** שליט"א, אבד"ק **סערדאהעלי**, ודומ"ץ **נייטרא**, חבר **"בי"ד המיוחד לעניני כשרות"**

השיעורים מתקיימים תמידים כסדרן בלשכת 'התאחדות הרבנים' לפני המשגיחים החשובים במסגרת מחלקת הכשרות שע"י התאחה"ר, לדון ולברר דינים והלכות הנוגעים בכשרות המאכלים

# ייצור גריי"ק יאגור"ט
## וההלכות המסתעף מהן

**אופן** ייצור ועשיית "גריי"ק יאגור"ט" הוא, שאחרי שנעשה מהחלב יאגור"ט רגיל, מעבירים את כל הכמות של היאגור"ט במכונה הנקרא סעפערעיטא"ר או סענטערפיו"ז (Separator/Centrifuge) ואופן פעולת המכונה הוא שמסתובב במהירות גדולה (לערך של חמש אלף פעמים בכל דקה), ועל ידי הסיבוב המהירה נתפרד המשקה (המי חלב - Whey water) שהוא חלק הקל יותר מהסאליד"ס (Protein), ולדוגמא אם נותנים אלף גאלא"ן של יאגור"ט רגיל במכונה הנ"ל, נעשה מזה לערך רק 250 גאלא"ן גריי"ק יאגור"ט, והיאגור"ט הזה הוא עב וסמיך הרבה יותר מהיאגור"ט הרגיל, (יש עוד פרטים בייצור הגריי"ק יאגור"ט, אבל זה מה שנוגע לענינינו, וכמובן המדובר כאן מאותן הנעשה בהשגחתינו, ויכול להיות איזה שינוים קלים באותן הנעשה על ידי אחרים).

**וכבר** דנו הפוסקים האחרונים על יאגור"ט ולעב"ן (Yogurt-Leben) אם הם בכלל אוכל או משקה, ואין בזה הכרעה ברורה, והשאלה הוא אם הגריי"ק יאגור"ט הלז דינו שווה ליאגור"ט רגיל או לא, לענין אם נחשב אוכל או משקה.

**ונפקא מינה להלכה בזה הוא בשלשה דברים:**

**א.** בענין השיעור לגבי ברכה אחרונה: דבאוכל השיעור הוא כזית, ובמשקה השיעור הוא רביעית וכמבואר בשו"ע סי' ר"י, ועוד דבאוכל כל האכילות מצטרפין לשיעור כזית, אבל אם מצטרף עם המשקה תלוי בפלוגתא וכמבואר לענין יוה"כ, (ומביאו המג"א לענין ברכה אחרונה בסי' ר"י סק"א, וכ"ה בסדר ברכת הנהנין להשולחן ערוך הרב פ"ח ה"ו, ובמשנ"ב סי' ר"י סק"ג).

**ב.** לענין הדין דיין פוטר כל מיני משקין: אשר הדין כן הן לברכה ראשונה והן לגבי הברכה אחרונה כמבואר בסי' קע"ד סעי' ב' וסימן ר"ח סעי' ט"ז, אבל אם הוא מין מאכל אין היין פוטרתו כלל.

**ג.** לענין חולה שצריכין להאכילו ביום הקדוש פחות מכשיעור: אשר נפק"מ בזה הרבה למעשה, כי מבואר בסי' תרי"ח דמאכל עם משקה אינן מצטרפין לשיעור, אבל מאכל עם מין מאכל אחר מצטרף לכשיעור, וכן לענין איך משערין להו פחות מכשיעור, דבאוכל השיעור הוא ככותבת, ובמשקה השיעור הוא מלא לוגמיו.

**הגריי"ק** יאגור"ט שאנו דנין עליו הוא עב הרבה, וברור דהוא מין אוכל, ואין יכולין להחשיבו למשקה בכלל, והגם שאין צריך לעיסה כשאוכלין אותו, עדיין נחשב כמין מאכל עפ"י המבואר במג"א סי' ר"ח סק"ח דמאכל גרי"ז עבה בכלל אוכל הוא לענין בורא מיני מזונות, ומבואר היטב בשולחן ערוך הרב סי' קנ"ח סעי' ח' דכל דבר שצריך להפוך בלשונו עד שמגיע לבית הבליעה בגדר אוכל הוא, עיי"ש, ולכן הדבר פשוט דנחשב למאכל.



# חלב ישראל אין Starbucks געשעפטן

## פארמינערט נישט דעם פראבלעם:

די אלגעמיינע 'מידיע' [Media] האט געמאלדען אז די וועלט בארימטע אינטערנאציאנאלע פירמע Starbucks, וועלכע פארמאגט א קייט פון אריבער 24,000 געשעפטען אין 70 לענדער, האט פארעפענטליכט, אז זיי האבן אנגעהויבן צוצושטעלן דורכאויס 10 פון זייערע לאקאלן, אויסגעשפרייט אין מעטראפאליטען ניו יארק געגענט, ברוקלין, פייוו טאונס און לעיקוואוד, עס וועט סערווירט ווערן אין די געשעפטן נאר א געוויסע ברענד "חלב ישרא-ל" מילך, דערמיט צוציען רעליגיעזע אידן אלס קליענטן פון קאווע אין די געשעפטן. אפיציעל וועט אפילו איינגעשטעלט ווערן אין די געשעפטן, אז עס וועט בלויז פארקויפט ווערן קאווע מיט 'חלב ישראל' מילך, און עס וועט נישט זיין צו קויפן דארט קיין 'חלב עכו"ם', כדי צו פארמיידן צעמישעניש.

אויבנאויף איז דאס א גינסטיגע און פאזיטיווע נייעס, וואס ווערט באגריסט פון סתם המון עם, וועלכע קלערן אז עס איז שוין געקומען די צייט, מיר זאלן שוין אויך קענען פארזוכן און הנאה האבן פון די קאווע געשעפטען.

אידן מדקדקים בכשרות ווייסן שוין פונעם עבר, אז בכלליות איז איבערהויפט נישט ראטזאם איבערצוטרעטן דעם שוועל פון אזעלכע סארט געשעפטן, אפילו נאר איינצוהאנדלען אן איינפאכע שווארצע קאווע. די געשעפטן האבן נישט קיין שום השגחה, און די גוי'אישע אייגנטומער זענען אודאי נישט אויסן צו היטן די קאמפליצירטע זהירות פון הלכות כשרות. אין די גרעסערע לאקאלן ווערן פראדוצירט און פארקויפט אויך פליישיגע מאכלים און טריפענע געטראנקן, וואס באדייט אז די כלים זענען טריפה. אויך אין די קלענערע פיליאלעס, פארקויפט מען געווענליך טריפה'נע סענדוויטשעס, מילכיגע פראדוקטן פון 'חלב עכו"ם', און נישט כשר'ע צוגעהערן צו די קאווע און טיי. די

> **"די געשעפטן האבן נישט קיין שום השגחה, און די גוי'אישע אייגנטומער זענען אודאי נישט אויסן צו היטן די קאמפליצירטע זהירות פון הלכות כשרות."**

כלים פון די קאווע ווערן געוואשן אינאיינעם מיט די אנדערע כלים, די גאנצע ווירטשאפט איז פארבינדן מיט ערנסטע חששות, ושומר נפשו ירחק מהם.

איבערהויפט איז דאס וויכטיג קענטעניס צו נעמען אצינד, ווען עס האנדלט זיך פון נוצן מילך פון א גוי אדער אפילו פון א איד וואס איז נישט קיין שותומ"צ. אויך אויב עס איז 'חלב ישראל' מיט א גוטע השגחה, אבער עס ליגט אין אן אפענעם באטל, דאן טאר מען דערפון נישט טרינקען. דער גוי'אישער אייגנטומער האט נישט קיין שום נאמנות אויף אפענע מילך אין זיין געשעפט ווייל עפ"י הלכה, דארף חלב ישראל האבן א צוגעמאכטן חותם, דעריבער טאר מען נישט טרינקען מילך וואס ליגטביים גוי אָן א חותם.

***

## 'אייזל מילך' ווערט אן אויפגעכאפטע פראדוקט אין אייראפע:

אין אנדערע מילך נייעס איז באריכטעט געווארן אז א שווייץ באזירטע פירמע מיט'ן נאמען Eurolactis האט זיך אין די לעצטע צייט, שטארק אויסגעברייטערט מיט א פראדוקציע פון טריפה'נע אייזל מילך, וועלכע ווערט מער און ברייטער אויפגעכאפט אין פילע לענדער אויפ'ן אייראפעישן קאנטינענט. וואס ברענגט גלייכצייטיג צום איבערפלאך דאס זהירות וואס מען דארף אייביג האבן אין באצוג צו חלב ישראל און נישט זיך פארלאזן אז אויף דער מארקעט נוצט מען סייווי נאר קיען מילך, אין א צייט ווען טריפה'נע מילך ווערט א סטאנדארד אין די אלגעמיינע מילך פראדוקציע.

די אייזל פארעמס געפינען זיך אין איטאליע. פון וואו די מילך ווערט דיסטרוביוט קיין פראנקרייך, מיט א פארצווייגטע האלסעיל אין עסטרייך, איטאליע, שווייץ און דייטשלאנד. אויך ווערט דאס פארשפרייט אנליין אין נאך מערערע אייראפעאישע לענדער.

אייזל מילך ווערט דורך נוטרישעניסטס באטראכט




אלס געזונטע ערזאץ פאר קיען מילך. ענטהאלנדיג א רייע פון פארשידענע וויטאמינען און מינעראלן מיט א גוטע באלאנס פון די באקאנטע אמעגא 3 און אמעגא 6. די אייזל מילך איז דריי מאל לייכטער ווי קיען מילך, מיט פיל וויניגער פעטן, אזוי אז עס אויך גוט פאר די פארדייאונג סיסטעם. דאקטורים אין איטאליע און אין פראנקרייך האבן לעצטנס אנגעהויבן רעקאמאנדירן די אייזל מילך אלס פאסיגע אולטערנאטיוו פאר מענטשן מיט אלערגיעס צו געווענליכע קיען מילך.

די זעלבע פירמע האט געמאלדן אז זי וועט שפעטער דאס יאר ערשיינען מיט א נייע סארט מילכיגע טשאקלאד, ערצייגט מיט די אייזל מילך דורך אן אויסגערופענע טשאקלאד פירמע אין דער שווייץ. דאס וועט נאכפאלגען מיט א רייע צוקונפטיגע פראיעקטן, דערונטער בעיבי פארמולעס, וואס די רעזולטאטן זאלן שוין זיין אינדרויסן אזוי פרי ווי אין א יאר פון יעצט.

אזעלכע באריכטן שטרייכן אונטער די הארבקייט פון מדקדק זיין אויף חלב ישראל, נישט גרינגשעצן דעם חומר פון חלב סתם - חלב עכו"ם. אין א צייט וואס די טריפה'נע מילך פון בהמות טמאות ווערט מער אויפגעכאפט אין די גוי'אישע מארקעט, און ווערט זאגאר באטראכט ווי געזונטער און לייכטער, איז קיין צווייפל אז מילך און מילכיגע פראדוקטן ווי טשאקלאד, פארמולעס, א.א.וו. דארפן א שטרענגע השגחה מעולה פון רבנים יראי ה', צו פארזיכערן אז מען באנוצט זיך טאקע מיט חלב ישראל פון כשר'ע קיען מילך.

**והתקדשתם והייתם קדשים.**

> **"די זעלבע פירמע האט געמאלדן אז זי וועט שפעטער דאס יאר ערשיינען מיט א נייע סארט מילכיגע טשאקלאד, ערצייגט מיט די אייזל מילך דורך אן אויסגערופענע טשאקלאד פירמע אין דער שווייץ."**




# אויפוואכונג ביים ציבור מדקדקים איבער **ערנסטע הלכה'דיגע פראבלעמען** פון פרידזשידער באנוץ אום שבת קודש

**הרבנים הגאוה"צ חברי התאחדות הרבנים שליט"א ערשיינען מיט א קריאת קודש איבער די שאלה און די נייע לעזונג דערצו**

שוין עטליכע חדשים וואס דער ציבור יראים ושלמים איז באקאנט געווארן איבער די הלכה'דיגע שאלות וואס איז ארויפגעקומען לגבי דאס באנוץ פון פרידזשידערס אום שבת קודש. דער פרידזשידער איז דאך נויטווענדיגקייט וואס געפינט זיך אין יעדע שטוב היינטיגע צייטן, דעריבער איז א פראבלעם דערין גאר א קריטישער, זינט עס אפעקטירט יעדע אידישע שטוב אן אויסנאם.

די שאלה - וואס איז באמת כולל עטליכע שאלות - איז אנטשטאנען צוביסלעך דורכאויס די לעצטערע יארן, צוליב דעם וואס די גרויסע פירמעס וועלכע פראדוצירן די פרידזשידערס האבן אנגעהויבן צו טוישן דעם וועג וויאזוי די פרידזשידערס פונקציאנירן, אזוי ווי אלע אנדערע מאשינען וואס ווערט מער דיגיטאליזירט.

אום חודש טבת העעל"ט, איז פארגעקומען א גרעסערע זיצונג פון הרבנים הגאונים צדיקים שליט"א חברי התאחדות הרבנים אינעם לשכת הבי"ד. מען האט

געהערט א קלארע בירור הלכה און מציאות'דיגע באריכט פון הרה"ג רבי צבי ארטנער שליט"א, וועלכער האט געשילדערט די פראקטישע דעטאלן און הלכה'דיגע שאלות מיט וואס דאס איז פארבינדן, און דערנאך האט מען א לענגערע ווייַלע דן געווען בכובד ראש אלע פרטי הדברים וואס איז נוגע צו די הלכתא רבתא לשבתא.

נאך א לענגערע משא ומתן איז ערשינען א כרוז מטעם התאחדות הרבנים, מיט אן אויפפאדערונג אז מען זאל זיך באנוצן מיט דער נייער לעזונג וואס פארשפארט אלע שאלות, די א.ג. 'סמארט קאנטראל' פאטענט, וועלכע טוט פארזיכערן אז ווען דאס לעמפל ווייזט גרין, קען מען זיך באנוצן מיטן פרידזשידער אן קיין שום חשש אדער פקפוק. די ניי ערשינענע מאשינקע איז ספעציעל פראדוצירט געווארן דורך טעכניקער מיט קאפ און מחשבה צו פארזיכערן אז אלעס איז הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן הלכה'דיג בהוראת הרבנים הגה"צ שליט"א.


התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא
CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA
Kashrus Division

# כתב אישור

הנה בשנים האחרונות נתהוו הרבה שינויים באופן פעולת הפרידזשדער"ס והפריזער"ס החדשים, והשימוש בהם גורם הרבה חששות, שיכולים לבוא לידי חילול שב"ק, בפתיחתם ובסגירתם ה"י.

על כן אנו פונים בזה לאחינו בני ישראל הי"ו, עם מקדשי שביעי, להשתמש בפרידזשדער"ס ופריזער"ס, אך ורק בעזרת המכשיר החדש, המיוצר על ידי חברת 'זמן טעכנאלעדזש"י', אשר הוא מונע כל חשש חילול שבת, ומאושר על ידי הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א חברי 'בי"ד המיוחד לעניני כשרות', ובזכות שמירת שבת קודש נזכה ליום שכולו שבת, בב"א.

הבעה"ח יום ד' לס' ויחי,
י"א טבת שנת תשע"ו לפ"ק.

יחיאל יצחק סג"ל גליק
מנהל כללי, וספרא דדיינא

זינט דער בריוו איז ערשינען אויף די גאס האט עס ווירקליך געשאפן אן ערנסטע רושם, אידן יראים ושלמים האנדלן זיך איין דעם נייעם טעכניק און פארזיכערן זיך א רואיגן שב"ק אן קיין חששות אדער פקפוקים.

שטייענדיג יעצט אין די טעג וואס דער עולם פארט ארויס אין די קאנטרי, איז טאקע צייט צו געדענקן שמירת שבת כהלכתה אויך אין די קאנטרי, כאטש וואס א גרויסע צאל מענטשן האבן נאך אין די קאנטרי די עלטערע סארטן פרידזשידערס, ווי די פראבלעם איז עטוואס וויניגער שכיח, איז אבער יא פארהאן אסאך וואס פארמאגן שוין די נייערע מאדעלס, ספעציעל אין די זומער הייזער.

פארט איז גוט צו וויסן אז אויך ביי די עלטערע פרידזשידער קען זיך מאכן דעם פראבלעם, אויב עס האט איינס פון די צוויי פאלגענדע פונקציעס: Automatically defrost - Adopted defrost, דאן איז דא די שאלה מיט'ן דעפראסט סיסטעם. (אויב זעט מען דאס נישט קען מען פרעגן די מעניופעקטשורער פון די פרידזשידער).

די זעלבע איז אויב די פרידזשידער האט איינס פון די פאלגענדע פונקציעס (וואס איז מער פארהאן אין די סארט וואס מען האט פראדוצירט אין די לעצטע פינף יאר): Automatically Digital board - Electronic board - board. דאן איז ווייטער פארהאן ערנסטע הלכה'דיגע פראבלעמען.

עס איז צום האפן אז דער גרויסער אויפוואכונג אין דעם ענין פון שמירת שבת זאל ווייטער ברענגען די געוואונטשענע רעזולטאטן אויף פאקטישע זהירות ביים ציבור, ואלמלא שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין.



# חדשות אני מגיד

**מיר באגריסן די געשעפטן און פירמע'ס וועלכע האבן זיך אויך אנגעשלאסן אונטער די השגחה מהודרת פונעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים".**

די פאלגענדע געשעפטן און קאמפאני'ס זענען אויך אצינד אונטער די השגחה פונעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות", נאר ווען עס האט אויף זיך דעם חותם הבי"ד. יאכלו ענוים וישבעו.

## Boro Park

**Milk & Honey**
**Milchig Restaurant**
5013 10th Ave.
Brooklyn, NY 11219
(718) 871-4319

**Gobos**
**Milchig Restaurant**
5424 New Utrecht Ave
Brooklyn, NY 11219
718-854-6267

## Williamsburg

**Milk & Honey**
**Milchig Restaurant**
777 Kent Ave
Brooklyn, NY 11205

## Lakewood

**Village Fish**
**@ Kosher Village Supermarket**
**911 East County Line Rd**
Lakewood, NJ 08701
732-905-1115

## Production Companies

**Zartini Prime**
**Frozen Falafel**
**Gluten Free**
Brooklyn, NY
718-490-9507

**BP Trimmed**

**343 Concord Ave**
Bronx, NY 10454
Health & Diet
(Protein/smoothie shakes)
732-905-1115


## מחלקת הכשרות
שע"י התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

CENTRAL RABBINICAL
CONGRESS OF USA AND CANADA
85 DIVISION AVE. BROOKLYN,NY 11249

TEL: 718.384.6765 | FAX: 718.486.5574

## מערכת גליון "הכשרות"
TEL: 718.412.8532
FAX: 718.486.5574
EMAIL: HAKASHRUS@GMAIL.COM


איינצושרייבן צו באקומען אונזער גליון אויף אימעיל
שיקט ארײן צו די אויבנדערמאנטער אדרעס

Gedank Productions | 718.218.4583